# אסתר, מיינע

**יוסף קליינבורד**, ניו־יארק

(אין אָנדענק פון מיין כלה אסתר בעזפאלטשיק פון לוצק)

.1

איך ווייס,
איך וועל אַ לעבן־לאַנג שוין וויינען,
וואָס מיר איז ניט געווען באַשערט
צו זיין אין אומגליקס־טאָג מיט דיר אינאיינעם
אויף דער ברענענדיקער ערד.

.2

איך וואָלט געבליבן מיט דיר אין גרעסטן נויט;
דו געהערסט דאָך מיר אַפילו אויף דער שוועל פון טויט.
אָבער רויטע שריפה־שיינהייט האָט אַלע צעשיידט
און מיר פאַרטראָגן האָט דער וואגל־שטראָם,
דיין נאָמען בלויז האָט מיר באַגלייט.



.3

איצט בין איך צוריק אַהער געקומען
און איך דערקען נישט דעם וועג צו אונדזער הויז;
די שריפה האָט אָפּגעמעקט דיין נאמען,
בלויז די בענקשאַפט גליט און גליט ניט אויס.

.4

טרויערט איצט די האַרבסטיקע פייכטע ערד,
ווו מיינע קינדער־יאָרן האָבן געבליט;
און פייגל פון נעסטן וואָס זענען צעשטערט
זינגען אין די סטראָפן פון מיין ליד.

נאָוועמבער 1974